# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת פנחס, כ"ג תמוז, מברכים חודש אב, אבות פרק א', שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 39 (506)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................8:13
מוצאי שב"ק...................9:43

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.........................משלי א'-ב'
בבלי.........................יומא פ"ג
ירושלמי.....................סוטה ל"ו
תוספתא.....................כלאים ד'
רמב"ם.......................כלאים ד'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה, אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבֹא לִפְנֵיהֶם.** דֶער בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, "וַאֲשֶׁר יָבֹא לִפְנֵיהֶם", אוּן נָאךְ אַ פָּסוּק "וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים", דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי שַׁייכוּת פוּן דִי צְוֵויי פְּסוּקִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ס"ח) **אַז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ צַדִּיק אִיז וֶוען עֶר קֶען וַוייזְן פַארְ'ן גְרֶעסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר קֶען וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן פַארְקֶערְט קֶען עֶר אוֹיךְ וַוייזְן פַארְ'ן נִידֶערִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז אוֹיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אוֹיךְ לִיבּ.**

דֶער צַדִּיק דַארְף הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה, אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין אַז עֶר אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֵיינֶעם דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אַז עֶר קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער. דָאס קֶען נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק טוּן, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י"ח) אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ זָאגְן תּוֹרָה, וַוייל מֶען קֶען הַרְגְ'נֶען מֶענְטְשְׁן מִיט דִי תּוֹרָה וָואס מֶען זָאגְט. דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ זָאגְט מֶען דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע זַאךְ פַארְ'ן נִישְׁט רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ, הָאט מֶען גֶע'הַרְגְ'ט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **יִפְקֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה,** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שְׁטֶעלְן אַזַא מַנְהִיג, **אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבֹא לִפְנֵיהֶם,** אַמָאל דַארְף עֶר מְחַזֵּק זַיין, אַרַיין בְּרֶענְגֶען דִי אִידְן וָואס מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען מְעוֹרֵר זַיין אֵיינֶעם אַז עֶר קֶען נָאךְ מֶער טוּן.

אוּן דָאס שְׁטֶעלְט צוּ דִי מְסוֹרָה דֶעם פָּסוּק, **וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים,** וָואס דֶער פָּסוּק רֶעדְט דָארְט פוּן אֵיינֶעם וָואס הַרְגְ'ט בְּשׁוֹגֵג, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַזַא זַאךְ צוּ זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן, וַוייל מֶען קֶען מִיט דֶעם הַרְגְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן, נָאר אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק קֶען דָאס טוּן.

מְ'דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מְ'זָאגְט מוּסָר פַאר אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, וַוייל אַסַאךְ מָאל קֶען עֶס מֶער שָׁאדְן מַאכְן וִוי אוֹיפְטוּן, אַנְשְׁטָאט אַז יֶענֶער זָאל זִיךְ יֶעצְט נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן אָנְהוֹיבְּן וֶוערְן מֶער וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אִיז שְׁטַארְק מֶעגְלִיךְ אַז עֶר וֶועט וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, אוּן עֶר וֶועט טוּן נָאךְ וֵוינִיגֶער פוּן וָואס עֶר הָאט שׁוֹין יָא גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט.

וֶוען אַ צַדִּיק גֶעבְּט מוּסָר פַאר אַ מֶענְטְשׁ, טוּט עֶר עֶס אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, עֶר אִיז מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי לִיבּ אוּן וַוארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס זֵיי טוּעֶן, אוּן דָאס הֶעלְפְט דִי מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן טַאקֶע אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער אוּן וֶוערְן אֱמֶת'עֶ עֶרְלִיכֶע אִידְן.

לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן טְרֶעפְן דֶעם אֱמֶת'ן צַדִּיק, וָואס וֵוייסְט וִוי אַזוֹי אוּנְז צוּ גֶעבְּן מוּסָר אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, וָואס קֶען אוּנְז מְחַזֵּק זַיין אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועלְן מִיר זִיכֶער וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל פִּנְחָס תשס"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### טְרוֹיעֶרְן מִיט הָאפֶענוּנְג

אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, הָאבְּן מִיר פַארְשִׁידֶענֶע הֲלָכוֹת אוּן דִינִים וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת, צוּ טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דָאס מֵיינְט אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זַיין בְּעַצְבוּת אוּן צוּקְלַאפְּט. נָאר מֶען דַארְף טוּן דִי אַלֶע זַאכְן מִיט אַן הִשְׁתּוֹקְקוּת אִין הַארְץ, אַז מִיר בֶּענְקְן שׁוֹין אוּן מִיר הָאפְן אַז מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי וֶועג וָואס אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט, פוּן אֵיין זַייט הָאבְּן זֵיי אִין הַארְצְן גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אָבֶער אוֹיפְ'ן פָּנִים הָאבְּן זֵיי אֵייבִּיג גֶעהַאט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען יֶעדְן מֶענְטְשׁ בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מְקַרֵב גֶעוֶוען יֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע הָאט גֶעוָואלְט נָאכְקוּקְן אוּן זֶען וָואס דֶער דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת אִיז, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אוֹיף זֵיי "פַארְוָואס זֶענֶען דִי חֲסִידִים אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ? עֶס אִיז דָאךְ אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וִוי אַזוֹי קֶענֶען דִי חֲסִידִים זַיין אֵייבִּיג אַזוֹי פְרֵיילִיךְ?"

וֶוען דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע אִיז גֶעפָארְן צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, "בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת, הֶעלְף אַז וֶוען אִיךְ קוּם צוּם צַדִּיק זָאל מִיר פַארְעֶנְטְפֶערְט וֶוערְן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת. חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (יוֹמָא ל"ח:) 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' - וֶוען אֵיינֶער וִויל זִיךְ הֵיילִיגְן, הֶעלְפְט מֶען אִים פוּן הִימְל. אָבֶּער עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אַ לָשׁוֹן יָחִיד 'מְסַיֵּעַ אוֹתוֹ', וָואס דַאן וָואלְט עֶס גֶעמֵיינְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ 'מְסַיְּעִין אוֹתוֹ' אַ לָשׁוֹן רַבִּים, דָאס מֵיינְט אַז דִי צַדִּיקִים הֶעלְפְן אוֹיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן דֶערְפַאר - הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער - אַז דֶער צַדִּיק זָאל מִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע מַיינֶע קֻשְׁיוֹת".

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה זי"ע, וִוי נָאר עֶר הָאט אַרַיין גֶעטְרֶעטְן אִין צִימֶער,

<<<<<<

## א גוטווארט

גֶעדֶענְק, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְּקוּת: "אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן אִין רֶבִּ'ין - וֶועט עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן"; וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ אִין רֶבִּ'ין? אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּ'נְ'ס סְפָרִים. דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיוו פוּן מוֹהֲרָא"שׁ - דָאס אִיז אֵיין שְׁטִיק רֶבִּ'נְ'ס סְפָרִים; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי בְּרִיוו, אִין דִי קוּנְטְרֵסִים - דָאס וֶועט דִיר עֶפֶענֶען דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֻקַּת תשפ"א)



דער מולד וועט זיין: פרייטאג צו נאכטס 59 מינוט מיט 9 חלקים נאך 9 – ראש חודש: שבת קודש

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וועלכע דזשאבּ לוינט זיך צו נעמען?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

וֶוער הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַז נָאר אַן אַרְבֶּעט וָואס מֶען קֶען גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער - דָאס אִיז דֶער צִיל? וֶוער זֶענֶען דַיינֶע יוֹעֲצִים? וֶוער זֶענֶען דַיינֶע חֲבֵרִים וָואס פִירְן דַיין לֶעבְּן?

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב): "עֶס אִיז דָא אֵיין צִיל, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דַארְף מֶען גֵיין אַלְץ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, מֶען דַארְף זוּכְן עֵצוֹת אוּן נֶעמֶען חִיזוּק צוּ גֵיין מַעֲלָה מַעֲלָה, אִין פַּרְנָסָה דַארְף מֶען בְּעִיקָר קוּקְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען אַפָּאר דָאלֶער צוּ קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין דִי שְׁטוּבּ.

לְדַעְתִּי זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי אַרְבֶּעט פוּן דְרֵייוְון אַ בָּאס, טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. עֶס אִיז אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּ קֶענְסְט מִיט אֵיין גוּט וָוארְט רַאטֶעוֶועט אַ קִינְד, מִיט אֵיין שְׁמֵייכְל קֶענְסְטוּ גֶעבְּן כֹּחַ פַאר דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן וִוי אֵיינֶער טְרַאכְט פוּן זֵיי.

אוֹיךְ צָאלְט מֶען שֵׁיין; וֶועסְט קֶענֶען צָאלְן דִירָה גֶעלְט וְכַדוֹמֶה, אוֹיךְ וֶועסְטוּ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן וִוי אַן עֶבֶד כְּנַעֲנִי פוּן פַארְטָאגְס בִּיז צֵאת הַנְשָׁמָה, נָאר סַךְ הַכֹּל צְוֵויי שָׁעָה צוּפְרִי אוּן צְוֵויי שָׁעָה נָאכְמִיטָאג. וֶועסְט קֶענֶען גֵיין אִין מִקְוֶה, דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

פַארְגֶעס נִישְׁט, דוּ בִּיסְט דֶער בֶּן מֶלֶךְ, נִישְׁט דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה. דֶער סַמֵ"ךְ מֶ"ם זוּכְט אוּנְז צוּ פַארְטוּישְׁן, עֶר נֶעמְט טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט אוּן לֵייגְט זֵיי אַרַיין אִינֶעם בֵּית הַשִּׁפְחָה. מֶען וֶוערְט פַארְשְׁוַוארְצְט פוּן נָאכְלוֹיפְן דֶעם דָאלֶער, מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי גֶעלְט דִי פָאר יָאר, בִּיז מֶען דַארְף שׁוֹין צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא).

אַ נֵייעֶ שְׁפְּרַאךְ אִיז דָא צְוִוישְׁן אַלֶע אִינְגֶעלַייט, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן מַאכְן גֶעלְט, נָאר וִוי מֶען קֶען מַאכְן אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם גֶעלְט; אַנְשְׁטָאט קוּקְן: 'וואוּ דַארְף אִיךְ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, וואוּ קֶען אִיךְ הָאבְּן צַייט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, צַייט פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער'? טְרַאכְט מֶען: 'וואוּ קֶען מֶען וֶוערְן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער?' אוּן דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוּן נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ.

פָאלְג דִי עֵצוֹת פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ז) עֵצוֹת פוּן אַ צַדִיק אִיז כּוּלוֹ זֶרַע אֱמֶת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בָּלָק תשפ"א)

>>>>>>

הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס זֶעסְטוּ אוֹיס אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג הַיינְט? עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין אוֹיפְן חוּרְבַּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נָאר אִין הַאֶרֶץ, אוֹיפְ'ן פָּנִים דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ שְׁמֵייכְל", אוּן דֶער צַדִיק הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען, "גְלֵייבּ מִיר, אַז מִיר זָאגְן אוֹיךְ יֶעדֶע נַאכְט תִּיקוּן חֲצוֹת אוּן מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיפְן חוּרְבַּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען מִיר נָאךְ אַלְץ פְרֵיילִיךְ".

דֶער צַדִיק הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי שְׁמֶעלְקֶע נִיקְלְשְׁבּוּרְגֶער זי"ע, אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג וָואס אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ וַוייטֶע לַאנְד אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ אָפְּרוּעֶן דָארְט בַּיי זַיינְ'ס אַ פְרַיינְד, וֶוען דֶער פְרַיינְד הָאט גֶעזֶען אַז דֶער קֶענִיג אִיז דָארְט אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ, הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ מְצַעֵר גֶעוֶוען, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז דֶער קֶענִיג שְׁטֵייט אַיין בַּיי אִים. דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען טַאקֶע אִין גָלוּת, דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז טַאקֶע חָרוּב, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מִיט אוּנְז, אוּן מִיר זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּ אִים, אוּן מִיט דֶעם קֶענֶען מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "בֶּאֱמֶת וָואלְט אִיךְ דִיר דָאס נִישְׁט גֶעדַארְפְט אוֹיסְזָאגְן, אָבֶּער אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ 'הַבָּא לִטָהֵר מְסַיְּיעִין אוֹתוֹ', מִיט אַ לָשׁוֹן רַבִּים, מֵיינְט דָאס אַז דִי צַדִיקִים דַארְפְן אוֹיךְ אַרוֹיס הֶעלְפְן אוּן מְקָרֵב זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר דָאס גֶעזָאגְט"...

דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז נִבְהָל וְנִשְׁתּוֹמֵם גֶעוָוארְן פוּן דִי קְלָארֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה וָואס הָאט גֶעזֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז עֶר נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ אִים, אוּן גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער עִיקָר אֲבֵילוּת דַארְף מֶען הָאבְּן אִין הַאֶרֶץ, אָבֶּער פוּן אִינְדְרוֹיסְן דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן. אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף דוּרְךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, זָאל עֶר נָאר צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ בֵּין הַמְצָרִים)

## אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן

דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, אִיז נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה. אַ אִיד וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶס פַּאסִירְט גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אַ גְלִיקְלִיכֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ. אוּן פַארְקֶערְט, וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ מֶער וֶוערְט אִים פַארְבִּיטֶערְט זַיין לֶעבְּן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיוּת אוּן סִפּוּק אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי נַאטוּר פוּן דִי עֲבֵירוֹת אִיז אַז דָאס נֶעמְט אַוֶועק אַ מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין קוּקְן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אַלְץ מֶער נֶעמְט דָאס אִים אַוֶועק דִי אֱמוּנָה, דָאס רַייסְט אִים אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז נִישְׁט קַיין ווּאוּנְדֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט דֶערְפוּן. אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט גָארְנִישְׁט אַז זַיין גַאנְצֶע בִּיטֶערְקֵייט אוּן דֶערְשְׁלָאגְנְקֵייט, דָאס וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן, דָאס אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּן דִי עֲבֵירוֹת וָואס נֶעמֶען אִים אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג:) "בַּתְּחִלָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל הָיְתָה שְׁכִינָה שׁוֹרָה עַל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם", נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט, אִיז דִי שְׁכִינָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן זֵיי. סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא עֲבֵירָה וָואס נֶעמְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי דָאס קוּקְן שְׁמוּץ. אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה ט"ז.) "כָּל הָעוֹבֵר עֲבֵירָה בְּסֵתֶר, כְּאִלּוּ דוֹחֵק רַגְלֵי הַשְּׁכִינָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַן עֲבֵירָה בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר שְׁטוּפְּט אַוֶועק דִי שְׁכִינָה פוּן זִיךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְט זִיךְ אוּן קוּקְט זִיךְ אָן מִיט אַלֶע סָארְט גֶעמֵיינֶע עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן, טְרַייבְּט עֶר אַוֶועק דִי שְׁכִינָה פוּן זִיךְ.

דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין דִי בִּיטֶערֶע שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת, נֶעמְט דָאס אַוֶועק זַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר וֶוערְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ; אוּן פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט קוּקְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַ פְרֵיילִיכֶע גוּטֶע לֶעבְּן פוּל מִיט סִפּוּק אוּן גֶעשְׁמַאק.

דֶערִיבֶּער דַארְף אַ אִיד זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן "רֵיינֶע אוֹיגְן", עֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קוּקְן אוֹיף שְׁלֶעכְטְס. אוּן אוֹיךְ דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן אֱמֶתְ'ן צַדִיק וָואס וֶועט אַרוֹיסְהֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶתְ'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

(קוּנְטְרֵס רֵיינֶע אוֹיגְן)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע
# פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קיא)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

**תכב**

נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט רֶבִּי נָתָן בַּאשְׁלָאסְן צוּ בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן כָאטְשׁ בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, סְפֶּעצִיעֶל וַוייל זַיין הַארְץ אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט בִּיז אוֹיבְן, אוּן עֶר הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן פְּרִיוַואט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ, אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים פוּן זַיין יוּגְנְט בִּיז יֶעצְט, מִיט אַלֶע דֶעטַאלְן.

**תכג**

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, אִיז רֶבִּי נָתָן אַריינְגֶעגַאנְגֶען פְּרִיוַואט צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְגִיסְן זַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַאר'ן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר'ן רֶבִּי'ן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוֹת אַלֶע וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן אַלֶעס וָואס עֶר גֵייט נָאךְ אַלְץ אַרִיבֶּער.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן דֶעמָאלְט טוּן פַארְשִׁידֶענֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע הַנְהָגוֹת, וִוי צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַז אֵיין מֵעת לְעֵת יֶעדֶע וָואךְ זָאל עֶר נִישְׁט עֶסְן אַ דָבָר הַבָּא מִן הַחַי, אוּן אַז עֶר זָאל אֵיינְמָאל זַיין אוֹיף פַאר צְוֵויי טֶעג אוּן אַ נַאכְט אוֹיפְּאַמָאל.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיס מִיט אִים פוּן הוֹיז, זֵיי הָאבְּן שְׁפַּאצִירְט אַבִּיסְל אַהִין אוּן צוּרִיק נֶעבְּן דִי גְרוֹיסֶע שׁוּל, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים, עֶר הָאט אִים גָאר שְׁטַארְק מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְקֶע הִתְחַזְּקוּת, אַז מ'טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, זָאל זַיין וָואס ס'זָאל נָאר זַיין.

אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הֵיילִיג הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט, "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶתְ'ן גוּטְ'ן פְרַיינְט".

דֶעמָאלְט הָאט אִים דֶער רֶבִּי צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל גֶעזָאגְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז ס'אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן הַארְץ, אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשׁ מִיט אַלֶע פְּרָטִים אוּן דֶעטַאלְן, אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ זַיין חַבֵר אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן.

**תכד**

דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען גְלַייךְ אַרַיין אִין רֶבִּי נָתָנְ'ס הַארְץ וִוי אַ פְלַאם פֵייעֶר, עֶר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דוּרְךְ דִי עֵצָה וֶועט עֶר זִיכֶער וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל אַלֶע סָארְט מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וֶועט נָאר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אִים, אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען וָואס עֶר וֶועט נָאר דוּרְכְגֵיין אִין לֶעבְּן, וֶועט עֶר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶער נֵייעֶר אַנְטְפְּלֶעקוּנְג וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט דַאן גֶעהֶערְט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, אַז מ'קֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז מ'קֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ אוֹיסְצוּפִירְן זַאכְן?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיסְפִירְן קַיין זַאכְן, אִיךְ מַאךְ אָפּ מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט אַז אִיךְ גֵייט טוּן עֶפֶּעס, אָבֶּער אִיךְ וֶוער פָּשׁוּט פַארְלוֹירְן, אִיךְ וֶוער פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, אָדֶער גֵייט פָּשׁוּט נִישְׁט אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט, אוּן אִיךְ טוּ עֶס לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט. וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוֹיסְצוּפִירְן זַאכְן מִכֹּחַ אֶל הַפּוֹעַל?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת בָּלָק, י' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי שְׁטַארְק עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם, נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט צוּ טוּן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קטו): "וְדַרְכּוֹ הָיָה שֶׁהָיָה בּוֹרֵר לוֹ אֵיזֶהוּ דֶּרֶךְ יְשָׁרָה אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", עֶר פְלֶעגְט אָפְּמַאכְן אַ גֶעוִויסֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהִתְחִיל לְהִתְנַהֵג בְּאֵלּוּ הַהַנְהָגוֹת וּבְאוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ שֶׁבָּחַר לוֹ", עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין מִיט דִי הַנְהָגוֹת, "וְהָיָה מִתְנַהֵג בְּאֵלּוּ הַהַנְהָגוֹת אֵיזֶה זְמַן", אוּן מִיט דִי הַנְהָגוֹת אִיז עֶר גֶעוֶוען שְׁטַארְק פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, "וְכָל מַה שֶּׁהָיוּ בָּאִים עָלָיו מַחֲשָׁבוֹת אֲחֵרוֹת לְבַלְבְּלוֹ מֵהַנְהָגָה זֹאת וּלְהִתְנַהֵג בְּדֶרֶךְ אַחֵר", אוּן וֶוען עֶס אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען מַחְשָׁבוֹת עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דִי הַנְהָגוֹת אוּן אָנְהֵייבְּן אַנְדֶערֶע הַנְהָגוֹת, "לֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ לְאֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת כְּלָל", הָאט עֶר זֵיי נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת, "וְהָיָה דּוֹחֶה אֶת אֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת מִדַּעְתּוֹ וְלֹא הִנִּיחָם לִכָּנֵס בְּדַעְתּוֹ כְּלָל", עֶר הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט דִי מַחְשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ: 'טוּ אַנְדֶערְשׁ, מַאךְ אַנְדֶערְשׁ', "רַק הָיָה חָזָק וְאַמִּיץ בְּדַעְתּוֹ מְאֹד", עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק, "וְהָיָה הוֹלֵךְ וּמִתְנַהֵג בַּדֶּרֶךְ שֶׁבָּחַר לוֹ אֵיזֶה זְמַן", צוּ בְּלַייבְּן מִיט דִי וֶועג, מִיט דִי קַבָּלוֹת טוֹבוֹת אוּן הַנְהָגוֹת וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט צוּ טוּן, "אַךְ אַחַר כָּךְ בְּהֶמְשֵׁךְ הַזְּמַן, אַחַר כַּמָּה שָׁבוּעוֹת, חָזַר וּבָא עַל דַּעְתּוֹ אֵיזֶה מַחֲשָׁבוֹת, שֶׁצָּרִיךְ לְהִתְנַהֵג בְּדֶרֶךְ אַחֵר", נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וֶוען עֶס אִיז נָאכְאַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין קָאפּ דִי מַחְשָׁבוֹת אַז מֶען דַארְף אָפְּלָאזְן דִי וֶועג אוּן טוּן אַנְדֶערְשׁ, "וְאָז אַחַר שֶׁכְּבָר עָבַר זְמַן אָרֹךְ, אָז יָשַׁב עַצְמוֹ וּבָחַר לוֹ אֵיזֶה דֶּרֶךְ וְסֵדֶר אַחֵר כְּפִי שֶׁהָיָה נִרְאֶה לוֹ אָז", דֶעמָאלְט הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נֵייעֶ סֵדֶר וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי עֶס אִיז אִים דֶעמָאלְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין מַחְשָׁבָה צוּ טוּן, "אֲבָל לֹא הִנִּיחַ עַצְמוֹ לְבַלְבֵּל בְּכָל פַּעַם מֵעֲבוֹדָה לַעֲבוֹדָה וּמִדֶּרֶךְ זֶה לְדֶרֶךְ אַחֵר, רַק הָיָה חָזָק לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ אֶחָד זְמַן גָּדוֹל כַּנַּ"ל", אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁטֶערְן, טוּישְׁן דִי וֶועג, אָפְּלָאזְן דִי גוּטֶע קַבָּלָה וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט; עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטַארְק מִיט זַיינֶע סְדָרִים.

זֶעט מֶען אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָאס אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ נִסָּיוֹן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן; דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי וֶועגְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וֶוען עֶר זֶעט אֵיינֶעם אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט עֶר מִיט אַ וֶועג יֶענֶעם שְׁוַואךְ צוּ מַאכְן, יֶענֶעם שְׁטֶערְן, יֶענֶעם מְבַלְבֵּל זַיין 'טוּ אַזוֹי', 'מַאךְ אַזוֹי', 'מַאךְ יֶעצְט אַנְדֶערְשׁ'; אַבִּי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁוַואךְ וֶוערְן אוּן אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר; יֶעדֶעס מָאל דוּ מַאכְסְט אָפּ קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, דוּ מַאכְסְט אָפּ אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גְלַייךְ נָאכְדֶעם וֶוערְסְטוּ שׁוֹין צֶעדְרֵייט, דוּ הֵייבְּסְט אָן טְרַאכְטְן 'אֶפְשָׁר פַארְקֶערְט?' אוּן דוּ לָאזְט אָפּ וְכוּ'. בֶּעט אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, רֶעד צוּ אִים אַזוֹי וִוי דוּ רֶעדְסְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטַארְק אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַלֶעס וֶועט דִיר גֵיין גְרִינְגֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בָּלָק תשפ"א)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מְ'רֶעדְט מִיט אַ נָאנְטֶער חַבֵר, מִיט דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁטַארְק מְקָרֵב גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָן. קַיין שׁוּם זַאךְ הָאט אִים נִשְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעכַאפְּט וִוי דֶעם, וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי נֵייעֶ עֵצָה, הָאט דָאס זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְגֶעפְלַאמְט זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם רֶבִּי'ן אִיז עֶר אַרַיין אִין דִי גְרוֹיסֶע שׁוּל, וָואס אִיז דַאן גֶעוֶוען לֵיידִיג פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר הָאט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טוּן, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט זַיין הַארְץ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַמָשׁ בִּיז כְּלוֹת הַנֶפֶשׁ.

## תכה

ו' תִּשְׁרֵי, שַׁבָּת שׁוּבָה, פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת דֶעם פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל א', כ"ו) "וְעַל דְּמוּת הַכִּסֵּא דְּמוּת כְּמַרְאֵה אָדָם עָלָיו מִלְמָעְלָה", עֶר הָאט דֶעמָאלְט אָנְגֶעכַאפְּט מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט דִי צְוֵויי הֶענְטְלֶעךְ פוּן זַיין בֶּענְקְל אוֹיף וָואס עֶר אִיז גֶעזֶעסְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעשָׁאקְלְט מִיטְ'ן בֶּענְקְל, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ, בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה, "אַז מֶען זִיצְט אוֹיף דֶעם שְׁטוּל, דֶעמָאלְט אִיז מֶען אַ מֶענְטְשׁ". [עֶס לִיגְט אִין דֶעם גָאר בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת, זֶע אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תַּזְרִיעַ מ"ח.)].

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו'), דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פָּארְכְטִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים דַאן מְרַמֵז גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי מְ'דַארְף לַיידְן בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכַת דָמִים אֵיידֶער מְ'אִיז זוֹכֶה מְקַבֵּל צוּ זַיין פוּן דִי נְקוּדָה הָעֶלְיוֹנָה, וָואס דָאס אִיז דֶער צַדִיק. אוּן דֶער עִיקָר אִיז אָפְּצוּשְׁוַוייגְן אוֹיף דִי אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת, גָארְנִישְׁט צוּרִיק צוּ עֶנְטְפֶערְן.

## תכו

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, נָאךְ הַבְדָלָה, אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, צְווִישְׁן זֵיי אוֹיךְ ר' יוּדְל, אוּן נָאךְ חָשׁוּבֶע עֶלְטֶערֶע אִידְן, וָואס זֵיי פְלֶעגְן דַאוֶוענֶען אִין אַ סִידוּר הָאֲרִיזַ"ל.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי, "זָאגְט מִיר וִוי אַזוֹי סְ'אִיז מְרוּמָז אִין דִי תּוֹרָה, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, אַלֶע כַּוָונוֹת פוּן אֱלוּל!". זֵיי זֶענֶען שְׁטִיל גֶעבְּלִיבְּן אוּן גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, וֵויי בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַלֵיין צוּ פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶס אִיז מְרוּמָז אִין דִי תּוֹרָה דִי כַּוָונוֹת פוּן אֱלוּל.

דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעהֵייסְן מְ'זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַ סִידוּר הָאֲרִיזַ"ל, עֶר הָאט עֶס גֶעעֶפְנְט אוּן זֵיי גֶעוִויזְן דִי כַּוָונוֹת פוּן אֱלוּל, אוּן דַאן הָאט עֶר זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן מְגַלֶה זַיין ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן וִוי אַזוֹי אַלֶע כַּוָונוֹת פוּן אֱלוּל זֶענֶען מְרוּמָז אִין דִי תּוֹרָה אוֹיף אַ מוֹרָא'דִיגֶע וֶועג, אַזוֹי וִוי סְ'אִיז גֶעדְרוּקְט דָארְט נָאךְ דִי תּוֹרָה.

סְ'אִיז אָבֶּער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן אוֹיף פַּאפִּיר דָאס וָואס דִי אָנְוֶועזֶנְדֶע הָאבְּן גֶעפִילְט אִין הַארְץ בְּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶערֶעדְט. דִי זִיסְקֵייט, דִי גֶעשְׁמַאק, אוּן דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט דָארְט אִין צִימֶער.

## תכז

מִיטְוָואךְ, יוֹם כִּיפּוּר, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעדַאוֶוענְט מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

## תכח

אַ טָאג נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר אִיז רֶבִּי נָתָן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוָואלְט אַהֵיימְפָארְן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז סֵיי וואוּ עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַ רֶבִּי מִיט אַ תַּלְמִיד, וֶוערְט אַ בְּחִינָה פוּן מֹשֶׁה אוּן יְהוֹשֻׁעַ אוּן אֹהֶל מוֹעֵד, פוּן וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט שַׁבָּת אִין דִי תּוֹרָה, וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
# לאקאלע אומאן איינוואוינער וואקסינירן זיך אין בעפארברייטונג צו ראש השנה

די אוקריינע רעגירונג האט געלאזט אין גאנג א ברייטע "וואקסינאציע דרייוו" ספעציעל פאר די איינוואוינער פון שטאט אומאן, און זענען ארויס מיט א רוף צו אלע איינוואוינער פון שטאט, און בפרט די וועלכע זענען פארמישט אין די צוגרייטונגען פאר ראש השנה, אז זיי קענען קומען זיך וואקסינירן קעגן די קאוויד 19 ווירוס, און אזוי ארום וועלן זיי קענען זיין רואיג טראץ די גרויס אנלויפעניש פון די פילע אינטערנאציאנאלע געסט וואס קומען אריין פון איבער די וועלט, אז זיי וועלן נישט אריינברענגען די אנשטעקיגע קרענק צו די לאקאלע באפעלקערונג.

די רעגירונג אין אוקריינע וואס האלט נאך אין די ערשטע שטאפלען פון וואקסינירן אירע בירגער, האט געלייגט די שטאט אומאן אלס אן ערשטע פריאריטעט, כדי צו בארואיגן די ארטיגע איינוואוינער וואס הערן כסדר די דערשראקענע באריכטן פון די מידיע וואס האקט אין קאפ א גאנצן טאג "קאראנע, קאראנע, קאראנע", און דאס דערשרעקט די צוהערער זייענדיג זיכער אז יעדער אויסלענדישער באזוכער ברענגט מיט זיך דעם אנשטעקיגן קאראנע ווירוס.

דער וואקסינאציע צענטער אין שטאט אומאן איז צושטאנד געקומען נאך פילע זיצונגען פון דער געזונטהייט מיניסטעריום און נאך פילע אפטיילונגען פון די אוקריינע רעגירונג, וואס האט א שטארקע אינטערעסע אז דער יערליכער קיבוץ פון אנשי שלומינו אויף ראש השנה זאל קענען צושטאנד קומען דאס יאר ראש השנה אויפן בעסטן פארנעם, און האט דערפאר באשלאסן צו עפענען דעם וואקסינאציע צענטער אין איינע פון די מיטלען צו קענען האלטן אפן די גרעניץ.

אידן איבער די וועלט נעמען אויף די פאזיטיווע נייעס מיט גרויס פרייד, און זענען ווייטער מתפלל ביים אייבערשטן אז דער הייליגער קיבוץ זאל ווייטער קענען אנגיין אן קיין מכשולות, און מען זאל גיין און קומען קיין אומאן געזונטערהייט, און פועל'ן אלעס גוטס ביים הייליגן רבינ'ס ציון.

אין אנדערע נייעס אין אומאן קומט יעצט פאר העפטיגע ארבעט ביים בנין היכל הקודש, צוצוגרייטן דעם בנין אויפ'ן שענסטן און בעסטן פארנעם, צו קענען אריינעמען די פילע אנשי שלומינו וואס ווילן מיטהאלטן א געהויבענעם ראש השנה אין אומאן מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

אזוי ווי עס איז ערווארטעט גאר א גרויסער עולם דאס יאר אין אומאן, זוכט מען וואלונטירן וואס זענען גרייט ארויסצוהעלפן מיט די ארבעט אין אומאן אין די טעג פון ארום ראש השנה. ס'איז דא פארשידענע סארט ארבעט פאר יעדן איינעם, ווער עס וויל נעמען א חלק אין די גרויסע זאך, קען רופן 347-452-1936. אויך קען מען רופן דעם זעלבן נומער צו דינגען א בעט אינעם בנין פאר ראש השנה תשפ"ב הבעל"ט.

פילע אידן גרייטן זיך שוין אויף די נסיעה צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה קיין אומאן, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געבעטן אז יעדער זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, און ער האט צוגעזאגט געוואלדיגע הבטחות אויף דעם.

**וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון!**


## אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן**

**עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך**

**> בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס <**

Plan it Rite
Travel the right way

אייער פריינד
אלי קנאלל
**718-506-4341**



## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שלמה יאקאבאוויטש** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו"ה **הערשי בוים** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב
***
מו"ה **משה ארי' שניטצלער** הי"ו
צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה נ"י למזל טוב



## נאך א ביס

**די קליינע ווערימל געבט א ביס, און נאך א ביס, ביז ער ברענגט אראפ דעם שטארקן בוים. מיר קענען עס אויך באווייזן!**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 6, 34**



## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י מו"ה שמואלי וועבער הי"ו, ובמאנסי ע"י מו"ה זושא פריעדמאן הי"ו

< BreslevCenter.com >